בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון מ'

פרשת ויגש שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שְׁנַת תשפ"ג - ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א

• חִזּוּק אוּן הַדְרָכָה

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ הֶערְלִיכֶער שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְן פַאר מְחַנְּכִים אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### מַיין אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד!

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** ווִיפִיל חִיזּוּק מֶען וֶועט גֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים דַארְף מֶען גֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ חִיזּוּק. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין"**, דִי וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע דִי דַארְף מֶען מְחַזֵּק זַיין, וַוייל זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק.

מְלַמְּדִים, לֶערֶערִינְס, אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינּוּךְ אוּן אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְפְן אַסַאךְ חִיזּוּק, זֵיי זָאלְן ווִיסְן אַז זֵייעֶר אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד.

עֶס קֶען זִיךְ אַסַאךְ מָאל דַאכְטְן פַאר אַ מְלַמֵּד בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז סְתַּם גֶעוֶוען אַ שָׁאד זַיין צַייט אוּן זַיין אַרְבֶּעט זִיךְ פָארְצוּקוּקְן, וַוייל עֶר זֶעט ווִי בִּשְׁעַת עֶר גֶעבְּט דֶעם שִׁיעוּר פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, קִינְדֶער לַאכְן זִיךְ אוּנְטֶער אִינְמִיטְן דֶעם שִׁיעוּר, דֶער קִינְד גֶענִיצְט, דֶער קִינְד קוּקְט אוֹיפְ'ן דַאךְ, דֶער קִינְד קוּקְט אוֹיף זַיין חַבֵר, דֶער קִינְד בְּלִינְקְט מִיט דִי אוֹיגְן צוּ זַיין חַבֵר, דֶער קִינְד שִׁיקְט אַרוֹיף אַ צֶעטְל צוּ זַיין שָׁכֵן, אוּן אוֹיבּ עֶר זָאגְט אַ שְׁטְרֶענְג וָוארְט פַאר אַ קִינְד שְׁמֵייכְלֶען זִיךְ אַלֶע קִינְדֶער אוּנְטֶער, - זַאכְן וָואס מִיר פְלֶעגְן אוֹיךְ טוּן אַלְס קִינְד.

דָאס מַאכְט אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, בִּיז עֶר טְרַאכְט: 'עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שָׁאד מַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶעגְרֵייט צוּ טְרֶעפְן אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל, אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי גֶעפְּלָאגְט אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם נְקוּדָה, אוּן קֵיינֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט עֶס נִישְׁט'.

מֶען דַארְף ווִיסְן, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַפָּאר יָאר, דֶער קִינְד וֶועט אוֹיפְוַואקְסְן, אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶועט עֶר זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ דֶערְמַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד אוּן נִישְׁט אַרוֹיס גֶעוִויזְן קַיין אִינְטֶערֶעסֶע אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים. וֶוען מֶען ווֶערְט עֶלְטֶער בַּאקוּמְט מֶען כֵּלִים, דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן זִיךְ בַּאנִיצְן מִיט דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד.

### אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ דֶעם שִׁיעוּר!

ווִי עֶלְטֶער אִיךְ וֶוער, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר, דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ נָאךְ אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן חֵדֶר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי בִּשְׁעַת מַיינֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶערֶעדְט, צִי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיס גֶעוִויזְן אִינְטֶערֶעסֶע, דָאס גֶעדֶענְק אִיךְ נִישְׁט, מִן הַסְּתַם הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַזוֹי ווִי אַלֶע קִינְדֶער, אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט יֶעדֶעס וָוארְט, אָבֶּער הַיינְט דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ 'אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע זַאךְ פוּן מַיין מְלַמֵּד', 'אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי שֵׁיינֶע מָשָׁל פוּן מַיין מְלַמֵּד', הַיינְט קוּמְט מִיר אַלֶעס צוּנִיץ.

דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס אַ מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן; מַיין אַרְבֶּעט גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד! דָאס וָואס אִיךְ קוּם אִין חֵדֶר מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אִין דִי צַייט טוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ קוּם צוּ דִי קִינְדֶער, אִיךְ גֶעבּ אַוֶועק אִיבְּרִיגֶע צַייט פַאר דִי קִינְדֶער זִיךְ פָארְצוּגְרֵייטְן שֵׁיינֶע זַאכְן, דָאס אַלֶעס גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, עֶס קֶען זַיין אַז יֶעצְט בִּשְׁעַת אִיךְ רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען זֵיי צוּ יוּנְג מִיךְ צוּ זָאגְן: **"שְׁכֹּחַ"**, אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען ווִי שֵׁיין דֶער שִׁיעוּר אִיז גֶעוֶוען, אָבֶּער עֶס אִיז זִיכֶער אַז דִי ווֶערְטֶער גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי, אוּן אַלֶע מַיינֶע ווֶערְטֶער וֶועט זֵיי נָאךְ צוּנִיץ קוּמֶען אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ טְרֶעף אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה יָארְן צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין יָארְן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן אִים, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר לֶעבְּט זִיךְ זַיין לֶעבְּן, זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ גֶעדֶענְק דֶעם שִׁיעוּר פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן אִיךְ טוּ עֶס הַיינְט"**, **"אִיךְ גֶעדֶענְק דֶעם שִׁיעוּר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ טוּ עֶס הַיינְט"**, דָאס אִיז פַאר מִיר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, וַוייל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ ווִי בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעבְּן דִי שִׁיעוּרִים הָאט מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי יֶענֶער בָּחוּר דַארְפְט נִישְׁט דִי שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מִיר אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי אִיךְ רֶעד בִּכְלַל נִישְׁט צוּ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט מִיט זַיינֶע בָּחוּרִ'ישֶׁע שְׁפִּילְצֵייג, מִיט זַיין טֶעלֶעפָאוֹן וְכוּ', אוּן יֶעצְט קוּמְט עֶר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מְלַמֵּד ווִיסְן, קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט וָואס זֵיי טוּעֶן, בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד לֶערְנְט פָאר שְׁרַייבְּט מֶען אוּן מֶען קַאטְשֶׁקֶעט אוֹיף צֶעטְלֶעךְ, מֶען שִׁיקְט אַרוֹיף צֶעטְלֶעךְ, מֶען קוּקְט אַהֶער

און מען קוקט אהין, און ווען דער מלמד זאגט שוין פאר דעם קינד: **"מען דארף זיצן מיט דרך ארץ!"** געבט דער קינד א שמייכל אדער א בלינק מיט די אויגן צו א צווייטן, - האב נישט קיין חלישות הדעת פון דעם, נעם עס נישט פערזענליך, דו זאלסט וויסן אז דיין ארבעט גייט נישט לאיבוד, יעדעס ווארט וואס דו רעדסט צו די קינדער גייט אריין אין זיי.

## עס מוז זיין אין א כתה א פרייליכע לופט

יעדע שיעור וואס איך געב פאר מחנכים איז חיזוק, און ביי יעדע שיעור פרוביר איך ארויס צו ברענגען אן אנדערע נקודה; היינט וועלן מיר רעדן פון דעם נקודה אז עס מוז זיין א פרייליכע לופט אין כתה.

עס מוז זיין פרייליך אין כתה! איך ווייס אז עס איז אביסל א שווערע זאך פאר מלמדים און לערערינס צו מאכן פרייליך, מען האט מורא עס זאל נישט צוברענגען די קינדער זאלן ווערן צעלאזט, אבער דער הייליגער רבי האט אונז געזאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן כד) אז עס איז גרינגער צו קומען פון ערנסט צו ווערן צעקוועטשט ווי צו קומען פון פרייליך צו ווערן צעלאזט.

אין ישיבות האבן די מגידי שיעור זייער מורא אז די בחורים זאלן זיין פרייליך, די בחורים זאלן זינגען און טאנצן, ווייל מען האט מורא אז די בחורים וועלן צוקומען צו הוללות, דארף מען וויסן אז 'שמחה' איז די העכסטע זאך, און אויך זיין ערנסט מיט הכנעה און א 'לב נשבר' איז זייער א הויכע מדריגה, ווידערוואם 'הוללות' און צעלאזקייט איז סטרא אחרא, און עצבות, מרה שחורה, דעפרעסט און דערביטערטקייט איז אויך סטרא אחרא, - זאגט דער רבי, עס איז גרינגער פאר א מענטש אריין צו פאלן דורך א 'לב נשבר' צו 'עצבות און מרה שחורה', ווי אריין צו פאלן פון 'שמחה' צו 'הוללות'.

עס מוז זיין א פרייליכע לופט אין כתה, א מלמד מוז שמייכלען! בשעת מען געבט דעם שיעור מוז זיין זייער ערנסט, ווי די הייליגע חכמים זאגן (שבת ל:) אז די הייליגע אמוראים פאר זיי האבן אנגעהויבן דעם שיעור האבן זיי געמאכט א ווערטל, עס איז געווארן א פרייליכע לופט, נאכדעם זענען זיי געווארן זייער ערנסט, בשעת זיי האבן געגעבן דעם שיעור איז געווען א מורא'דיגע מורא'דיגע יראה.

דערפאר, בשעת'ן געבן דעם שיעור מוז זיין א מורא'דיגע דרך ארץ, אבער איין מאל מען האט געענדיגט דעם שיעור, אין די צייט פון ריסעס וכדומה, ווען דער מלמד דרייט זיך אין כתה אדער אינדרויסן פון כתה, זאל ער געבן א שמייכל פאר א קינד, א גוט ווארט פאר א קינד.

ווען קינדער זענען זייער דערשראקן, זיי ציטערן אז מען גייט זיי שלאגן אדער מען גייט זיי שטראפן, ווערן זיי זייער אנגעצויגן און דער מח ווערט פארמאכט, דאס הארץ ווערט פארמאכט, נאכדעם קען מען גארנישט פועל'ן ביי זיי.

מען קען נאכקוקן אין אשר בנחל אלע בריוון וואס מוהרא"ש האט מיר געשריבן (מען קען גרינג כאפן וועלכע בריוו איז געשריבן געווארן צו מיר, אלע בריוון וואס רעדן זיך פון ישיבה מיט בחורים), שרייבט מיר מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פילע מאל: **"זע עס זאל זיין א פרייליכע אטמאספער אין ישיבה, מען זאל נישט זיין דערשראקן"**.

## געבן פאר די קינדער אטענשאן

א מלמד דארף געדענקען צו געבן פאר יעדן איינציגן קינד פריוואטע אויפמערקזאמקייט (אטענשאן). מענטשן מיינען אז דאס ווארט 'אטענשאן' איז א שלעכטע ווארט, עס איז א ווארט וואס מען ניצט אנצושרייען א קינד אז מען זאגט אים: **"דו דארפסט אטענשאן..."** דאס איז נישט ריכטיג, אטענשאן איז זייער א געזונטע זאך פאר א מענטש, נאר לעבעדיגע מענטשן ווילן אטענשאן, א טויטער מענטש וויל שוין נישט קיין אטענשאן, יעדע געזונטע לעבעדיגע מענטש וויל מען זאל קוקן אויף אים, מען זאל טראכטן פון אים, מען זאל מאכן א מצב פון אים; דאס וואס מען קוקט אויף דעם אן שלעכט, איז אויב א מענטש ווייסט נישט ווי אזוי עס צו באקומען אויף א געזונטע וועג, און ער בעט עס נארישערהייט.

דערפאר איז זייער וויכטיג פאר א מלמד צו האלטן קאפ אז יעדעס קינד זאל באקומען פריוואטע אויפמערקזאמקייט. אויב מען האט א גרויסע כתה איז אפשר נישט מעגליך מען זאל קענען געבן יעדן טאג פאר יעדן באזונדער א גרויסע פארציע אטענשאן, זאל מען האלטן קאפ אז יעדעס קינד זאל כאטש איינמאל במשך דעם וואך באקומען א פריוואטע אטענשאן.

אויסער וואס יעדעס קינד דארף ווערן אויסגערימט, מען זאל מאכן א מצב פונעם קינד'ס מעלה כאטש איינמאל א וואך, מוז יעדעס קינד באקומען יעדן טאג א 'גוט מארגן', און ביי די מיידלעך וואס האבן צוויי לערערינס, דארף אויך די נאכמיטאג לערערין גריסן יעדעס קינד 'א גוטן טאג', אדער ווען מען גייט אהיים 'א גוטן אוונט'.

**אזוי ווי מען האט געהאלטן פאר אן 'אסיפת ההורים' האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן עטליכע הוראות וואס עס איז נוגע פאר מחנכים ביים אסיפת ההורים.**

**דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט:** היינט וועט אם ירצה השם פארקומען אן 'אסיפת ההורים', וואו די איינגעשטעלטע וועלן זיך צוזאמטרעפן מיט די עלטערן.

## נישט געבן פאלשע קאמפלימענטס

מען דארף וויסן, מען קען נישט זאגן קיין ליגנט אויף א קינד, יעדע טאטע מאמע ווייסט גאר גוט וואס פאר א קינד זיי האבן, דער טאטע לאכט פונעם מלמד ווען ער זאגט אים א פאלשע קאמפלימענט. פאלשע קאמפלימענטס זענען גארנישט ווערד, נישט פאר א קינד און נישט פאר זיינע עלטערן, און נישט פאר קיין שום מענטש, עס מאכט נערוועז, עס מאכט פאראיבלט, אויך קען עס מאכן אז דער מלמד זאל ווערן פארפיינטעט אין די אויגן פון דער טאטע, דער טאטע ווערט בייז צו הערן ווי דער מלמד טשעפעט אים וועגן זיין קינד מיט פאלשע זאכן.

איינע פון מיין משפחה איז געגאנגען אין א שולע, זי איז נישט געווען אזוי דאר, זי פלעגט אהיים קומען זאגן אז איר לערערין האט איר געזאגט א קאמפלימענט אז זי איז זייער דאר... דאס האט איר זייער געבאדערט, וואס ווילסטו פון מיך? דו ווילסט מיך טשעפענען? ווייס איך דען נישט ווי אזוי איך זע אויס?! מען קען איר זאגן: **"דו זעסט אויס אזוי שיין"**, **"דיין פנים איז זייער שמייכל'דיג"**, א זאך וואס קומט אריין, אבער סתם א זאך וואס איז נישט אמת מאכט זייער נערוועז, אדער מאכט עס מען זאל אנהייבן רחמנות האבן אויף די לערערין, מען טראכט: 'נעבעך, זי ווייסט

נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, זִי רֶעדְט פַאר פֵייעֶר און וַואסֶער...'

## יֶעדֶער קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן

וֶוען מֶען ווִיל אָנְהֵייבְּן אַ שְׁמוּעֶס מִיט דִי עֶלְטֶערְן, דַארְף מֶען זָאגְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיף דֶעם קִינְד. אוֹיבּ דֶער קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט אָדֶער שְׁטֶערְט בַּיים לֶערְנֶען, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן: **"עֶר לֶערְנְט אַ מְחַיֶה", "עֶר אִיז מוֹרָא'דִיג דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג"**, מֶען דַארְף זָאגְן אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס דֶער קִינְד הָאט טַאקֶע, און עֶס אִיז זִיכֶער אַז יֶעדֶעס קִינְד הָאט כָאטְשׁ אֵיין זַאךְ מִיט וָואס עֶר אִיז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, מֶען קֶען זָאגְן אַז דָאס קִינְד אִיז זֵייעֶר צוּזַאם גֶענוּמֶען, עֶר אִיז אֵייבִּיג אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, און מֶען זָאגְט: **"עֶס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס אִיז אֵייבִּיג צוּזַאם גֶענוּמֶען"**.

## ווִי אַזוֹי זָאגְט מֶען פַאר עֶלְטֶערְן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער?

יֶעצְט דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זָאגְן אַ פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף אַ קִינְד פַאר עֶלְטֶערְן. קוֹדֶם דַארְף מֶען ווִיסְן צִי עֶס אִיז בִּכְלַל כְּדַאי צוּ זָאגְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל עֶס אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע מִינֵי עֶלְטֶערְן, עֶס אִיז דָא גֶעזוּנְטֶע עֶלְטֶערְן וָואס אוֹיבּ מֶען זָאגְט זֵיי **"דַיין קִינְד אִיז נִישְׁט דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג"**, ווֶעלְן זֵיי נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט, זֵיי וֶועלְן פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם קִינְד, און אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דָאס קִינְד זָאל זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס גֵייעֶן נֶעמֶען דֶעם פְּרָאבְּלֶעם און עֶס אַרוֹיפְוַוארְפְן אוֹיפְ'ן מְלַמֵד, דִי סָארְט עֶלְטֶערְן וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶועלְן הֶערְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זֵייעֶר קִינְד, זֵיי וֶועלְן זִיךְ פַארֶענְטְפֶערְן אַז **"עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת", "עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אַנְדֶערֶער קִינְד"**, אָדֶער וֶועלְן זֵיי זָאגְן אַז דֶער מְלַמֵד הָאט פַיינְט דֶעם קִינְד, און דֶער מְנַהֵל הָאט פַיינְט דֶעם קִינְד, קוּמְט אוֹיס אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעוֶועט גָארְנִישְׁט צוּ זָאגְן.

דֶערְפַאר אִיז כְּדַאי אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אַ קִינְד, עֶס דוּרְךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן פַארְדֶעם מִיטְ'ן מְנַהֵל צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶפֶּעס פַארְדִינֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען וֶועט עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן אָדֶער עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער.

מֶען קֶען אָבֶּער נִישְׁט דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן בָּרַבִּים אִין מְלַמְדִים שְׁטוּבּ אִין פָארְנְט פוּן אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ אַז יֶעדֶער זָאל מִיט הַאלְטְן יֶענֶעמְ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען. דוּ וָואלְסְט דָאךְ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער און רֶעדְן פוּן זֵיי אָפְּן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קֶען עֶס נָאר דוּרְךְ רֶעדְן מִיטְ'ן מְנַהֵל, און בַּיי מֵיידְלֶעךְ מִיט דִי מְנַהֶלֶת.

אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט צוּטוּן מִיט עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּטֶע אוֹיעֶרְן, זֵיי זָאגְן נָאר אַז **"מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען דִי בֶּעסְטֶע קִינְדֶער"**, און **"עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט מַיין קִינְד"**, אִיז אַ שָׁאד צוּ זָאגְן, דַארְף מֶען אַלֵיינְס אַרְבֶּעטְן מִיטְ'ן קִינְד, און זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן דָאס בֶּעסְטֶע מִיטְ'ן קִינְד.

## יֶעדֶער קִינְד זָאל שְׁפִּירְן - "אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד!"

אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער אַז דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער קִינְד טוּט יָא, זָאל מֶען זָאגְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶס אִיז דָא אַמָאל אַ קִינְד וָואס הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים, בַּיים דַאוֶוענֶען קְלָאצְט עֶר און גֶענִיצְט אַ גַאנְצְן צַייט, עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט צוּרִיק דִי צֶעטְלֶעךְ, און זַאכְן פְלִיעֶן אַרוּם, קֶען אָבֶּער זַיין אַז עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, דַארְף מֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, **"עֶר אִיז אַ טֵייעֶר קִינְד, עֶר הָאט אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מִידוֹת, עֶר טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיס בְּטָעוּת אַז אֵיינֶער זָאל קוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט"**.

דָאס אִיז סַיי אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ זָאגְן פַאר עֶלְטֶערְן, און אוֹיךְ אוֹיף צוּ זָאגְן פַארְ'ן קִינְד אַלֵיינְס; אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ מַצָב אִין כִּתָּה און מֶען בּוֹיט אוֹיף אַ מַעֲלָה אוֹיף אַ קִינְד, בַּאקוּמְט דֶער קִינְד אַ גֶעפִיל אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס חָשׁוּב, עֶר שְׁפִּירְט ווִי 'אִיךְ בִּין עֶפֶּעס וֶוערְד', 'אִיךְ טוֹיג אוֹיף עֶפֶּעס', דָאס וֶועט מַאכְן אַז דָאס קִינְד זָאל וֶועלְן טוּן נָאךְ גוּטֶע זַאכְן כְּדֵי עֶר זָאל וַוייטֶער טוֹיגְן.

## דוּ בִּיסְט מַיין גַבְּאַי!

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זִיךְ מִיט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן פַאר מַיינֶע הֶעלְפֶערְס, און בִּיז צְוֵוי דְרֵיי טֶעג אִיז דִי כִּתָּה גֶעוֶוען מְסוּדָר.

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער וָואס אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע יָארְן פְלֶעגְן זֵיי זִיצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה גֶע'קַנְסְ'עֶט, און אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: **"דוּ בִּיסְט מַיין גַבְּאַי", "מַאךְ מִיר אַ קַאוֶוע", "בְּרֶענְג אַרוֹיף מַיין הוּט פוּן אוּנְטְן", "גֵיי צוּ דִי אָפִיס, מַאךְ קַאפִּיס פוּן דֶעם צֶעטְל"**, דִי אַלֶע זַאכְן וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ אַלֵיינְס גֶעקֶענְט טוּן, און דָאס אִיז מַיין נַאטוּר אָנְצוּגְרֵייטְן אַלֶעס פוּן פָארְאוֹיס, אַלֶעס זָאל זַיין מְסוּדָר וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין כִּתָּה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן פְלֶעג אִיךְ סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער לָאזְן גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטוּן, כְּדֵי אִיךְ זָאל קֶענֶען שִׁיקְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין מַיינֶע גַבָּאִים, אִיךְ פְלֶעג אֲפִילוּ אוֹיךְ אַמָאל אִיבֶּער לָאזְן עֶפֶּעס אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ לָאז עֶס סְפֶּעצִיעֶל אִיבֶּער דָא אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ אִינְגְל וָואס אִיךְ מוּז אִים שִׁיקְן עֶר זָאל עֶס בְּרֶענְגֶען, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש, אִין כִּתָּה טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, אִיךְ מוּז אִים מַאכְן גֵיין און קוּמֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ חַיוּת און אַ מוּט.

## מַאכְן אַ מַצָב פוּן אַלֶע קִינְדֶער

דֶער מְנַהֵל הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ דִי קְלוּגֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ כַאפְּן אַז דִי קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען נִישְׁט און לֶערְנֶען נִישְׁט זֵיי וֶוערְן דִי מְיֻחָסִים, זֵיי אִיז מֶען מְכַבֵּד צוּ טְרָאגְן און בְּרֶענְגֶען, אֶפְשָׁר וֶועלְן צוּלִיבּ דֶעם דִי גוּטֶע קִינְדֶער אוֹיךְ אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען וֶוערְן גַבָּאִים.

אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, יֶעדֶעס קִינְד ווִילְן שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט פְלֵייסִיג אָדֶער עֶר דַאוֶוענְט שֵׁיין, מַאךְ פוּן דֶעם אַן עֵסֶק, אִים זָאלְסְטוּ אוֹיסְרִימֶען ווִי פְלֵייסִיג עֶר לֶערְנְט און ווִי שֵׁיין עֶר דַאוֶוענְט, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין צוּפְרִידְן מִיט דֶעם, עֶר וֶועט נִישְׁט זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען אַנְדֶערֶע אַטֶענְשָׁאן; 'גַבָּאוּת' אִיז גֶעמַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס קֶענֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אָדֶער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי, אָדֶער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, דַארְף מֶען זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וואוּ מֶען קֶען אִים אוֹיךְ מַאכְן שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס וֶוערְד, מַאכְט מֶען אִים פַאר אַ גַבְּאַי.

אוֹיבּ מֶען מַאכְט טַאקֶע נָאר אַן עֵסֶק פוּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גַבָּאִים, וָואס קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען, אִיז טַאקֶע דָא דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַז אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמַאכְן יֶענֶע קִינְדֶער.

# משפיעים אין חינוך

דינסטאג פרשת משפטים, שנת תשפ"ג - ווילאמסבורג יע"א

• חזוק און הדרכה

יעדעס קינד מוז באקומען זיין צייט וואס מען מאכט א מצב פון אים, וואס מען רעדט פון אים, וואס מען מאכט פון אים א שיינע זאך, עס איז דא גענוג זאכן וואס צו טרעפן אויף יעדעס קינד מיט וואס ער איז ספעציעל אויסגעצייכנט, צום ביישפיל, מען זאגט: **"קוק אן דעם קינד, ער טשעפעט נישט קיינעם", "קוק אן דעם קינד ער מאכט אלץ שיין ברכות", "קוק אן דעם קינד ער איז אזוי זויבער, אפשר טאקע זאלסטו זיין געשטעלט פאר דער גבאי אז אלעס זאל זיין זויבער".**

גייט דורך יעדעס קינד און טראכט וואס מען קען זאגן עפעס א שיינע גוטע זאך אויף אים, און אויב איז דא קינדער וואס שטערן אין כתה, שמועסט עס דורך מיט'ן מנהל צו וויסן אויב עס איז כדאי צו זאגן פאר דער טאטע און ווי אזוי מען זאל עס זאגן, ווייל עס איז דא אסאך מאל וואס עס לוינט זיך ענדערש נישט צו זאגן.

דער עיקר זאל זאלט איר זען אז עס זאל זיין א פרייליכע לופט אין חדר.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן אסאך הצלחה, אמן

# בריוון פון חינוך

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## ווי אזוי קען איך מאכן מיין אינגל וועלן גיין אין מקוה?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

יישר כח פאר'ן ראטעוועון מיין לעבן מיט שלום בית, פרנסה, דרך הלימוד, חינוך און נאך און נאך. איך ווייס יעדן טאג פון לעבן אז אויב איך וועל גיין מיט די שכל פון עצתו אמונה, וועל איך מצליח זיין.

מיין יונגסטער זון גייט ווערן דריי יאר אין בערך צוויי חדשים ארום, וויל איך פרעגן ווען איז די פריעסטע עלטער וואס מען קען נעמען א קינד אין מקוה ערב שבת.

מיין עלטערער זון גייט שוין ווערן אכט יאר און ער איז נאכנישט געווען אין מקוה, און דאס שטערט מיר זייער. אין אנהייב האט זיך עס אנגעהויבן ווען איך האב געהאט א דזשאב וואס איך האב געארבעט פרייטאג ביז צום זמן, למעשה האט ראש ישיבה מיר געגעבן אן עצה צו נעמען א צווייטן וואס זאל טון מיין ארבעט פרייטאג. שפעטער האט זיך אינגאנצן געטוישט מיין ארבעט, אבער די זאך פון נעמען מיין זון אין מקוה האב איך נישט פארראכטן, יעדע וואך מיט אן אנדערע מעשה, ער זאגט אז ער וויל נישט גיין, ער זאגט אז עפעס באדערט אים, איך ווייס נישט וואס, אפאר מאל פרעג איך אים ניטאמאל ווייל איך ווייס נישט וואס איך זאל טון ווען ער זאגט אז ער וויל נישט גיין. אפאר מאל האב איך געטראכט צו גיין שטרענג, ווער עס איז נישט געווען אין מקוה קען נישט האבן שבת קיין גרעיפדזשוס, סאדע אדער נאש, אבער יעצט האב איך שוין בלבולים וואס די ראש ישיבה זאגט אז ווען קינדער ווערן גרעסער קען מען נישט צווינגען ווייל שפעטער וועט ער נישט טון די זאך וואס מען האט אים געצווינגען.

יעדן פרייטאג טראכט איך וואס פאר א וועג צו גיין און איך קען נישט מחליט זיין, איך האב אים שוין צוגעזאגט אסאך גוטע זאכן אויב ער וועט גיין אין מקוה, אבער דערוויל האט גארנישט געארבעט. איך ווייס אז איך האב נישט גוט געטון, איך האב געקענט טון בעסער, אבער איך וויל דאס פארעכטן, וויאזוי זאל איך דאס פארעכטן?

יישר כח פאר אלעס

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת שלח, כ"ג סיון, שנת תשפ"א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער עיקר וואס עלטערן דארפן זיך פארלייגן ביי חינוך הבנים והבנות - איז אויסלערנען די קינדער אז מען מוז פאלגן טאטע מאמע, דאס איז דער יסוד ביי חינוך, דאס דארף מען טון ווען די קינדער זענען נאך גאר קליין, ביי צוויי יאר, דריי יאר אלט - ביז די קינדער לערנען זיך אויס צו פאלגן די עלטערן.

רוב עלטערן ווייסן דאס נישט; מען טראכט נישט, אדער מען ווייסט נישט, אדער האט מען נישט קיין כח, מען לאזט די קינדער טון וואס זיי ווילן, די קינדער וואקסן אויף אן דרך ארץ און שפעטער ווען זיי ווערן עלטער קומט ארויס די חוצפה זייער שטארק, דעמאלט איז שוין צו שפעט, דעמאלט קען מען זיי שוין שווער בייגן צום גוטן.

יא מקוה, נישט מקוה - נישט דאס איז דיין פראבלעם; מען קען זאגן אז מען דארף גיין אין מקוה און מען קען זאגן אז עס איז נישט געפערליך אז דער קינד וויל נישט גיין, נישט דאס איז דער פראבלעם, דיין פראבלעם איז אז דיינע קינדער דארפן וואקסן געזונט, זיי דארפן וויסן אז א טאטע מאמע זאגן יא איז יא און אז טאטע מאמע זאגן ניין איז ניין, מען קען נישט זאגן פארקערט.

בעט דעם אייבערשטן דו זאלסט וויסן ווי אזוי צו רעדן צו דיינע קינדער, ווי אזוי זיי מחנך זיין, ווי אזוי זיי פריילך מאכן; מיט תפלה וועסטו זוכה זיין צו ערליכע קינדער, ערליכע אייניקלעך, עס וועלן זיך ציען שיינע דורות פון דיר.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

(עצתו אמונה פרשת קרח תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספים; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876